STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01130

IN MIDBER SINAY

Abraham Sutzkever

Permanent preservation of this book was made possible
by Taube & Marvin Fine
in memory of
Pauline & Charles Jaffe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. סוצקעווער / אין מידבר סיני

א. סוצקעווער

אין מידבר סיני



פאַרלאַג פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, 1957

א. סוצקעווער / אין מידבר סיני
פאַרלאַג פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב
צאָל עקזעמפּלאַרן — טויזנט

צייכענונג א. באָגען

נדפס בישראל

A. SUTZKEWER / IN MIDBOR SINAI
Printed In Israel, 1957

געדרוקט אין קאָאָפּ. דרוקעריי „אחדות", תל־אביב

אין מידבר סיני

א

די טרער די בענקענדיקע אויף מײַן װוּיע
איז אַלט װי דו. פֿון דור־המידבר שטאַמט זי.
אַ לויב דער קלײנער טרער, װאָס האָט די זכיה
צו זען, אַז אויך אין דײַן זכּרון פֿלאַמט זי.
געשלײַפֿלטער גראַניט איז דײַן זכּרון.
דײַן פּראַכט איז אַ פֿאַרצערנדיקער פֿײַער.
און װי אַמאָל איך קני בײַם נחל פּאָרן
און טרינק די שטאַרקע אײביקײט אויך הײַיאָר.
אָ, גאָט מײַן גאָט, מיט װאָס בין איך דאָס זוכה,
אַז איך, ביז־האַלדז־פֿאַרקנאָטענער אין גושן,
זאָל קומען צו דעם אָפּקלאַנג פֿון א נ כ י,
זאָל קומען װוּ די פֿליגל דײַנע רױשן!

ב

בײַ סאַפּיר, דער אינדזל פֿון קאָראַלן,
די שטערנקרוין אַנטקעגן שלמהס בוכטע, —
דײַן שאָטן שווימט אין ים, באַזוימט מיט שטראַלן,
און קלאַנגען אונטער זיי — אין זיך געזוכטע.
איך האָב אַ האַנט געטונקען אין אַ כוואַליע:
— אַ שפּליטער, זאָל די האַנט ניט בלײַבן ליידיק...
אין ים־סוף האָט אַ פּורפּורנע פּמליא
געשפּילט אויף מײַנע פֿינגער ליב און פֿריידיק.
און ווײַטער, ווײַטער האָט עס מיך געצויגן,
צום לעבעדיקן קוואַל פֿון קלאַנג און ליניע — —
און מלכּת־שבֿא, מיט פּערל אין די אויגן,
אַנטהילט די ברוסט, קומט־אָן פֿון אַבעסיניע.

ג

מיט יונגן צה"ל קלעטער איך צוזאַמען.
קאָראַלענע די בערד. אין שטויב דער לאַגל.
— אַז דו וועסט אומעטום אַ שעה זיך זאַמען,
געדויערן וועט פערציק יאָר דער וואַגל.
עס וויל דעריאָגן אירע פים אַן אינדין —
זיי זענען ווײַטער פון איר בליק און דינער.
און דין־דין קלינגט אַ גאָלדן גלעקל, דין־דין —
אַ קעמל רופט זײַן טויטן בעדווינער.
אַ טאַמאַריסק. אַ שלאַנג אַרום די צווײַגן —
דאָס בלינצלט נאָך צו מיר אַ שפּור פון בַעַל...
דער קעמל שטעלט זיך אָפּ. און מיר — מיר שטײַגן,
און ס'גייט אַ וואָלקנזײַל פאַרוים דעם צה"ל.

ד

פון שבטים צוועלף — אַ גאַנצער קיבוץ־גליות.
די שבטים האָבן זיך צעטיילט אין שבטים.
ביַי דיַינע קינדער טוישן זיך די ראַליעס.
דו בלאָזסט אין ביינער טרוקענע דיַין אָטעם.
אין רויטע זאַמדן שווימען שטעט און לענדער.
אַ קינד. אַ מאַמע. ברענענדיקע שיַיטן.
און ווי די לופט, אָן שאָטן, אָן געווענדער,
איז דורכזיכטיק די ציַיט פאַר אַלע ציַיטן.
אין מידבר סיני ווערט דיַין אומה יינגער,
און דיַין געבאָט, אין בלעטער פעלדז — דיַין פּינקס,
פאַרקריצן מיט אַ פיַיערדיקן פינגער
סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס!

ה

די אײַנגעקריצטע שריפֿט וועט בלײַבן אײביק,
פֿאַרזיגלט אין גראַניט מיט מאַכט און דעה.
און ווי אַ לייבינטע וועט ברומען לייביק
פֿון ראַס־אל־נקב דורך קדש־ברנע. —
אַזאַ געזאַנג נעמט זינגען אין די גלידער,
ווי בליצן וואָלטן עס אין מיר געזונגען!
גאָר הויך — די זון. אַ נאַכט איז אין דער נידער.
און רויטע הירשן זעען אוים די יונגען.
דאָס איז דער טאָל פֿיראַן. אַ ליימיק נאַסע
די ערד. אַ מאַנדלבוים. עס בלעקען רינדער.
און ס׳פֿאַלט די זון אַראָפּ פֿון אַ טעראַסע,
און אויף די אַקסלען כאַפּן זי די קינדער.

ו

האָסט אויפגעוואַכט אין סיני, אל-נקמות,
ווען צו דײַן באַרגשפּיץ האָט זיך שוין געהויבן
דײַן טויטער פֿאָלק, דער באַרג פֿון די עצמות —
אַ יאָמערבאַרג פֿון אומשולדיקע טויבן!
ס'האָט אונטערערדיש קינדערבלוט-געריזל
דערוואַרעמט מיט באַלעבנדיקע שטימען
די אָדערן אין דײַן גראַניט און קיזל,
און האָסט אַנטפּלעקט דעם צווייטן באַרג דײַן סימן:
צעטראָטענע ווי שפּילצײַג אונטער זוילן —
צעטרעטן איצט אין סיני טויט און פּחד.
און אויף די ליפּן גליִען דײַנע קוילן,
און מיט די קינדער ביסטו זיך מתיחד!

ז

מען גיט דיר נעמען: סערבאַל, דזשעבל מוסאַ...
איך פּיל דעם באַרג. פון אַלע איז ער שענער.
דו שטייסט מיט קופּערפעלדזן בחברותא —
אַ טראָפּן בלוט ווײַזט אָן: ביסט יענער, יענער.
איך האָב שוין ווען געהערט די זעלבע טענער,
אָ, בלינדערהייט וואָלט איך צו דיר געטראָפן!
אַ טראָפּן בלוט ווײַזט אָן: ביסט יענער, יענער,
ווי ס'נעדעלע מאַגנעט ווײַזט אָן דעם צפון.
עס שטעלט זיך אָפּ די זון. זי גייט ניט אונטער.
און אויף אַ שטיין־מזבח, דיר צופוסן,
אַ גלות־קינד, אַ זעלנער אַ פאַרוווּנדעטער,
און שיקט פון דיר אַהיים די לעצטע גרוסן.

דער באַרג! דער באַרג! די שטילקייט בליט מיט בשׂמים
פון אַלע דורות. דימענטענע ריינקייט.
דער באַרג! דער באַרג! די זון גיט אַ באַשטראָם אים.
צעשמאָלצן ווערט איר שליטה אין זיַין שיינקייט.
און איבער אים צוויי שטראַלנדיקע לייטערס —
און טריט, וואָס בלויז מען פ י ל ט זיי אויף די שטאַפּלען.
אַ קלאַנג... עס בלאָזן קופּערנע טרומייטערס.
אַ קלאַנג... און סנהען ווערן די שוואַרצאַפּלען.
אַ פּראָסטיק זילבער שלאָגט פון זיַינע שפּאַלטן,
און אויף מיַין רוקנביין לויפט דורך אַ ציטער,
ווי דאָס וואָלט מיך זיַין גייסט, אין פעלדז באַהאַלטן,
באַרירט מיט דער הסכמה פון געביטער.

— טו אוים די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה,
טו אוים די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען.
אַצינד איז דאָ די צײַט פון מתּן־גבורה.
די שטילקייט איז אַ תּהום. אַ תּהום פון בענקען.
און אויבן, אויף די שטראַלנדיקע לייטערס,
אַ תּפילה קלעטערט פון די סאַמע טיפן,
ווי ס׳וואָלט אין האַרץ, ביים קלאַנג פון די טרומייטערס,
אַ דימענט אָן אַ דימענט זיך געשליפן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני — בלאָז אַוועק די שׂינאה.
פאַרשנייַד אויף ס׳נײַ אַ בונד מיט דײַנע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!

י

און פּלוצעם קומען אויפן באַרג די שטערן,
צונויפגעוואַנדערט פּונקט ווי מיר פון גלות.
באַנומענע פון ליכט, מיר זעען, הערן:
די מענטשן ווערן איינס מיט די מזלות.
און אויפן באַרג, דורך בליצנדיקער אימה,
אַ יִינגל מיט אַ פאָן. ער גיט זי איבער
אַ האַנט, וואָס נעמט זי אויבן אַ געהיימע,
און זאַלבט מיט אייביקייט, און בענטשט דעם גיבור.
און ווער עס האָט געזען די נאַכט אין סיני,
געדענקען וועט דער סיני אויך זײַן נאָמען.
און ווער עס האָט געזען די פּראַכט אין סיני,
וועט קענען טויזנט יאָר דערציילן. אָמן.

נאָוועמבער, 1956

געדאַנקען פון אַ היִרש

געדאַנקען פון אַ הירש

פאַר ה. לייוויק

באַגינען. ס׳קניט אַ הירש פאַר מײַנע טריט.
פאַרכּישופט האָט בײַ נאַכט אַ שניי זײַן פורפורנע מדינה.
זײַן פּנים איז ניט זײַנס, ער קניט.
און אינעם שניי דערקענט ער ניט זײַן מינע.

ער מיינט, אַז איך בין גאָט. וואָס טאָן אַצינד?
זײַן קאָפּ איז אַ קרישטאָלענע, אַ נאַסע קאַנדעלאַברע.
„דערציילן מײַנע הירשן? בין איך בלינד?"
אַ בינטל שטערן צוויטשערט אויף אַ סאַברע.

— ניט קני, מײַן ציטערקינד, איך בין קוים-קוים
דער זעלבער וואָס איך בין. אַ שניי האָט ביידן אונדז געפאַנגען.
אָ, טרינק מײַן סיני-בלוט און יאָג פון טרוים
צו דעם וואָס איך בין ניט. און זוך אין מידבר זײַנע קלאַנגען.

נאָוועמבער, 1956

גע‍שען איז דאָס — דערציילט אַ חבר — לעבן דיר־אל־באַלאַח.
אַ היישעריק. און הינטער אים דער שאָטן פון אַ מלאך.

מסתּמא זענען זײַנע פליגל מיט בוקעטן קוילן.
דער פליִענדיקער בראַנדז האָט, קענטיק, דאָ זײַן וועג פאַרהוילן.

און אומגעריכט — אַ נאָנטער ניגון אינעם סאַמע פלאַקער:
דער אָפּקלאַנג פון אַ קוזניע. און אַ ריח אַ געשמאַקער

פון שוואַרצן ברויט געבאַקענעם אויף בלעטער פון די קליאָנען.
און אָט איז אויך מײַן הײַזקע מיט די שוואַלבן און וואַזאָנען.

איך קום אַרײַן און שדי גיט אַ האַנט מיר פון מזוזה.
מײַן מאַמע שרײַבט צו מיר אַ בריוו. מײַן שוועסטער נייט אַ בלוזע.

דער ווײַנשלבוים אין פענצטער איז דער פאָדעם צו איר נאָדל.
דער זייגער אויפן וואַנט — אַ האָן, וואָס קרייט בכּבֿוד גדול.

אַ בלענדעניש? ווי קאָן דאָס זײַן? מען מוז זיך איבערצײַגן!
אָט שלינג איך שוין די ווײַנשל די געסילעטע אויף צווײַגן. —

אַפילו קערלעך זענען דאָ! און איך צעבײַס אַיעדער
צו פילן אויך אין טערפּקן טעם די סודותדיקע סעדער.

נאָר שטענדיק דאַרף זיך צוויי מאָל איבערצײַגן אַ בן־אדם...
— אַנטלײַ מיר — זאָג איך — שוועסטערקע, די נאָדל אָן דעם פאָדעם.

און איך פאַרשטראָם די נאָדל אין מײַן קליינעם לינקן פינגער.
אַזאַ מין זינגענדיקער ווייטיק! ס׳ווערט מיר גרינגער, יִנגער.

אַן אינדיק מיט אַ ביַיטשל קרעלן בלאָזט זיך ווי אַ פּריצטע.
און אָט איז אויך די קוזניע אונטער זשאַוווער אַ צעבליצטע.

גוואַלד, ווי קאָן אַ טויטער טאַטע שמידן מיטן האַמער!
מען מוז אים העלפן, און גשווינד איך יאָג צו אים פון קאַמער.

אַ פויער ברענגט אַ לאָנקע אין די אויגן צו דער קוזניע.
— אַנו, פּאַדקאָווּאַ יוזש גאָטאָווּאַ? און דער טאַטע: פּוזניע.

מיַין גרינגער יִנגל־האַמער איז דער אָפּקלאַנג פון זיַין שווערן,
און בײדע קלינגען, קלינגען און זײ גייען אָפּ אין טרערן.

מיר לייגן זיך אַ וויַיל אין גראָז, די האַמערס ליגן פּאַזע,
און מיט אַ מאָל איך הער אַ קול: מיר זענען שוין אין עזה!

נאָוועמבער, 1956

פאַרפלאָנטערט אין זאַמדיקע פלאַכן, ווי בלינדע הירשן מיט פלאַמענדיקע הערנער, קאָרטשען זיך די אָפּשטראַלן פון טאָג אין ביינאַכטיקן מידבר.

צו וועמען איז דער מידבר געגליכן?

צו אַ ריזיקן מזבח פון דימענט, ווו די נאַכט ברענגט פאַר אַ קרבן אירע יונגיינקע שטערן.

אין דער שטילקייט דערהער איך אַ שטים:

— אברהם!

און באַלד קומט די שטים דײַטלעכער און זינגעוודיק צעצויגענער:

— אב—ר—הם!

דאָס בלוט — פאַר אַן אָפּגרונט. די קני בייגן זיך:

— הנני...

אַ האַנט נעגלט זיך אַריין אין מײַן האַרצן. דערלאַנגט מיך אַ צי אַהין, צו דעם בת-קול.

נענטער. נענטער. נענטער.

איך דערזע דעם געוויסן פון מידבר: אַ פעלדז. אַ קוואַל, ווי דער צונג פון גאָט, שפּרודלט אין זײַנע שפּאַלטן. און דער קוואַל, בײַם טרינקען די מידברדיקע שטילקייט, רופט עס מיך בײַם נאָמען.

ס'איז „דער קוואַל פון נבואה".

אַזוי האָט ער גערופן בײַם נאָמען מײַנע זיידעס.

אייביק מוז עמעץ ענטפערן: הנני...

איך בין קיין סדום, צו פילן אַלטן ווייטיק, עולה־רגל.
אַן אָדלער אויסגעשמידט פון זאַלץ פאַרשליסט אין מיר די נעגל.

און שיכּור בין איך פון די זיסע ווונדן, שיכּור, שיכּור.
— אַ דאַנק דיר, אָדלער, פאַר דיַין סם, דאָ בליַיב איך אַן צוריקקער.

אַ שאָטן צווישן דערנער, וואָס איז אויך דער רויז ניט נייטיק —
אַזאַ בין איך אַן דיַין גענאָד, אַזאַ בין איך אַן ווייטיק.

אויך דו האָסט אויסגעבענקט מיַין בלוט ביַים טויטן ים — דיַין שפּיגל,
צענעמען ס'זאָל דיַין אינגעווייד, אַ שלאָג־טאָן אין די פליגל.

מיר זענען ביידע שיכּור... לאָמיר זען און לאָמיר הערן,
ווי איבער אונדז און אונטער אונדז פאַרליבן זיך די שטערן.

איינציקער שאָטן אין מידבר, שטורעם פון זייִדענע זעגן,
רויטער מיראַזש פון נקמה פלאַטערט דיר שטענדיק אַנטקעגן.
רויטער מיראַזש פון נקמה — פליישיקע זאַנגען אין הימל.
כ׳וויל מיטן זעלביקן הונגער שלינגען אַן אלף, אַ גימל...

ס׳פאַלן די טויטע ווי האָגל. קינדער געבוירסטו אין פליִען.
קינדער ווי זייִדענע זעגן זינגען אַרום דייִנע זיִען.
ס׳הוידען זיך וויגן אין פייַער, הינטערן פייַער — אַ רעגן.
רויטער מיראַזש פון נקמה פלאַטערט דיר שטענדיק אַנטקעגן.

היישעריק, איצט ווען איך זע דיך איבער די זאַלצבערג די סדומער,
זשומעט אין מיר דייַן שגעון, בין איך אַ טייל פון דייַן יאָמער.
האָט דיך געבוירן אַ נביא צווישן אַ האָרדע גזלנים?
יאָ, ביסט אַליין ווי דער נביא, מיט אַ פאַרלענגערטן פּנים...

פינצטערניש קלינגט פון די פעלדזן. כ׳ליג מיט דייַן שאָטן צוזאַמען.
רויטער מיראַזש פון נקמה זעגט מיט געזאַלצענע פלאַמען.
זאַלץ וועט ניט שטילן מייַן הונגער, סייַדן — אַן אַלף, אַ גימל...
היישעריק, לאָז מיך ניט איבער, ס׳בליִען שוין זאַנגען אין הימל.

1954

ירושלים

א

די שטיינער דײַנע — פול מיט אויגן.
און זע: פון שטיינעראויגן פאַלט
אַ רעגן, ניט אויף דר'ערד נאָר אויף די וואָלקנס.
און אויף די וואָלקנס ווי דער רעגן פאַלט
גייט אויף די שטאָט, וואָס אונטן איז אַנטרונען.

...קלײנע קינדער שפּילן זיך מיט זונען.

ב

דאָ אָטעמען די מויערן.
דאָ אָטעמען די טויטע.
ס'איז ניט קיין שטאָט —
אַ ריז אַן אײַנגעשלאָפענער
אַ יאָר, אַ דור, צי הונדערט,
איז אויפגעוועקט אַצינד
פון אָדלערס פּורפּורנע,
צערייצטע,
און הייבט די הענט ווי האַלבע רעגן-בויגנס
אַרומצונעמען אין דער וואָר — זײַן חלום.

1953

געבויגענע ווײנען די אײזלען אין ירושלים,
ניטאָ מער די הײליקע זקנה, די זינגערין עלזע.
ניטאָ װער ס'זאָל קאָרמען די אײזלען מיט בליציקן צוקער
און העלפֿן זײ שלעפֿן די װוּנדיקע שטײנער פֿון קאַסטעל;
די שטײנער, װאָס פֿאַלן אַראָפּ מיט אַן „אױ" פֿון די הערצער
בײַ אַלע װאָס קומען אין לאַנד — אַ מאַיאָנטעק מיט שטײנער! —
צו בױען אַ הײם פֿאַרן הײמלאָזן מלך משיח.

אַמאָל האָט פֿון באַרג זיך אַרונטערגעקוליעט אַן אײזל,
פֿאַרלאָרן אַ פֿאָדערשטן צאָן. האָט די זקנה צעשמאָלצן
איר חתונה־רינג בײַ דעם גאָלדשמיד ר' ניסים פֿון אַלטשטאָט,
און ס'האָט שוין דער אײזל אַ גאָלדענעם צאָן אַ מתּנה.

און װער האָט באַנומען װי זי דאָס געװײן פֿון באַשעפֿער? —
שוין אַלצדינג באַשאַפֿן! די אײביקײט איז אים שוין אײביק
אַ קײט אױפֿן האַלדז, און קײן צװײטער איז מער ניט בנמצא...
זי שפּילט אין האָטעל אױף איר בלױען קלאַװיר זײַן דערמאָנונג,
װען ער איז געװעזן דער מײַסטער פֿון טרילערס און לײבן,
געשריבן מיט בײמער זײַן פֿרישע גן־עדן־פּאָעמע,
אַ װײַבלעכן גראָס פֿון אַ מענערשן ריפּ אױסגעקנאָטן.

עס גוססן רױק בײַם שפּילן די אַשיקע פֿינגער.
זי טאָר נאָך ניט שטאַרבן! אַ יונגע, פֿאַרליבטע מוראַשקע,
ביז בלוט אַ צעביסענע, האָט אין איר צימער פֿאַרבלאָנדזשעט
און שפּילט מיט דער זקנה באַנאַנד אױף די אַלטע קלאַװישן.

זי טאָר נאָך ניט שטאַרבן! געפאַלן אין גאָרטן אַ זונרויז —
אַ וועלט איז געפאַלן! די קערנער — גאָלדהויטיקע מענטשן.
מען וועט זיי פאַרקויפן אין מאַרק, און זיי שינדן די הויטן...
און אויסלייזן דאָרף זי די קנעכט — די גאָלדהויטיקע מענטשן.

זי טאָר נאָך ניט שטאַרבן! אין ים זענען כוואַליעס געבוירן.
זיי קאָנען ניט ריידן. זיי מאָנען מיט קינדערשע הענטלעך!
ס'געבעט פאַר די זויגלינגען-כוואַליעס מוז ווערן דערזונגען,
דער שטורעם זאָל היינט ניט פאַרשלינגען די ראָזע נשמות.

אַוווּ איז דער אָנהייב פון הימל? — אין ירושלים.
אַצינד איז די זקנה אַ שטערן און שוועבט איבער מויערן.
אַ בלויער קלאַוויר איז די שטאָט. אַ פאַרשלייערטע כּלה.
איך שפּאַן אויפן שטיינערנעם טעפּיך צוזאַמען מיט עלזען,
פאַרשיכּורט פון בלויען קלאַוויר און צעשניטן פון העלזען.

ירושלים, 27סטן פעברואַר, 1957

אויף אַן עפּל־רויטן דאַך אין קאַטאַמאָן — אַ לייטער
אויסגעבעאָרגט פון יעקבס חלום. און אַ ייִד פון פּוילן
ווי אַן אַלטער אָדלער אין זיין הימלנעסט פאַרהוילן
אויבן יאָמערט. און עס קלעטערט נייַגעריק אַ צווייטער.

— זיידע, ווען מענס טויט באַוויינט איר, ווען אַזוי פיל שטערן
אײַלן פון די בערג אויף שבת אין ירושלים?

— ס׳גיסן זיך אַליין פון הארצן, קינד מייַנס, באַכן טרערן,
ווען דער כּותל איז געפאַנגען אין ירושלים.

— זיידע, קאָנען מיר פון לייטער ניט דערזען קיין שׂימחה?
שטיינער בליִען. שלווה בליט. עס בליט ירושלים.

— אַלע טאָג אַנטקעגן כּותל דאַוון איך דאָ מינחה
און איך זע: דער כּותל בלוטיקט אין ירושלים.

און צוזאַמען מיטן ייִד אין הימלנעסט פאַרהוילן
שווימען מייַנע אויגן איבער גליִענדיקע חומות,
צו דער וואַנט פון טרערן, צו דעם כּותל פון חלומות,
און דער כּותל ציט זיך אַ געפאַנגענער ביז פּוילן...

א

פֿאַרגאַנגענהייט, האָסט מיט אַ רעגן־בויגן,
אַ רעגן־בויגן אײַנגעטונקט אין בלוט,
אַרומגעבונדן די שוואַרצאַפּלען מײַנע
און ניט געוואָרן. ווי עס וואָלט אַ קינד
געשפּילט זיך אין באַהעלטעניש מיט מיר.
ביסטו אַ קינד?
ווי האָסטו זיך באַהאַלטן?
דײַן בלאַנקער ניגון שווימט אין מיר ווי אַ פֿאַרשטראָמטע נאָדל
און מאָנט איך זאָל אַ רים טאָן די פֿאַרטונקלעניש.
איך זאָל
דערזען דיך יונג, ווי זון וואָס ווערט ניט אַלט.
נאָר איך, אַ בלינד געשלאָגענער פֿון טויטע,
האָב אַלץ געוואַרט אַ סימן אַז ביסט דאָ.
און הײַנט האָב איך דערזען, דערהערט דעם סימן:

עס האָט אַ האָן אַ קריי געטאָן אין צפֿת,
אַ לעבעדיקער האָן, אַ היימיש קרייען.
און וווּנדער: אינעם קריי — מײַן היים און גאַס,
און איך און דו, פֿאַרגאַנגענהייט, אין צווייען.
אין קריי פֿון האָן אַנטפּלעקט זיך דײַן געשטאַלט,
און יונג ביסטו, ווי זון וואָס ווערט ניט אַלט.

ב

קרייט צום דריטן מאָל דער האָן —
צינדט זיך אָן
דער הר מירון.
אין זײַנע שטיינער וואַנדערן געדאַנקען.
די זון וואָס קומט פון קבר
לאָמיר דאַנקען.
די זון איז יונג,
זי שטעלט דעם ערשטן טראָט.
אַ וואָלקן מיטן אויסזען פון מײַן שטאָט
מאַכט לעבעדיק און ליב די פּאַנאָראַמע.

אינעם וואָלקן נייט פאַר מיר אַ העמדעלע
די מאַמע.

ג

עין־אל־דזשין — דאָס איז דער קוואַל פון שדים,
עין־אל־דזשין.
דאָהטן טאַנצט דער טײַוול מיט זײַן אײדעם
און עס קושט זיך לילית מיט די זין,
די, וואָס טרינקען פונעם עין־אל־דזשין.

דאָס דערציילן גוטמוטיקע דרוזן,
עין־אל־דזשין.
מײַנע ליפּן גלייבן ניט, זיי מוזן
איבערצײַיגן זיך צי ס׳האָט אַ זין,
אַז דו ביסט פאַרפישופט, עין־אל־דזשין.

קלאַנגען באָדן זיך אין דיר, ניט שדים,
עין־אל־דזשין.
אַלע שדים גראַמען זיך מיט ביידעם,
און דײַן טעם איז פון אַן אַנדער מין —
ביסט אַ קוואַל פון לידער, עין־אל־דזשין!

ד

און מיט אַ גאָלדן העמערל און דלעטל,
קלאַפּט אוים אין דינעם קופּער אויף די קני,
דער מאַן פון פּוילן, אריה, אונדזער שטעטל
אין בלויען אַראָמאַט פון דעם אר"י.

באַהאַלטן איז דער קינסטלער אין אַ חופּה,
געשטיקט פון הענגלעך ווײַנטרויבן אַליין;
און מיטן קלאַנג פון העמערל אין קופּער —
עס קומט דאָ די פאַרגאַנגענהייט צו גיין.

פאַרגאַנגענהייט — זי קומט ניט דורך אַ טויער,
זי גליט דורך ווײַנטרויבן, דורך זייער זאַפּט,
וואָס מיט אַ מאָל זיי ווערן זויער, זויער:
זי שטייט פאַר אים אין טרערן און זי גאַפט.

נאָר ווען זי קומט אַהיים אין קופּער, דעמאָלט
באַוועגן זיך אין קופּער הענט און פּים.
און גאָלדן העמערל אין שאָטן דרעמלט,
און ווײַנטרויבן — צוריק זיי ווערן זים!

צפת, 1955

דער קרייז פון די נאָענטע

מײַן טאַטע

מײַן טאַטע איז אַ קרױ אויף די טײַכן פֿון סיביר,
מײַן מאַמע איז אַ שײַטער־הױפֿן לעבן דער װיליִע,
נאָר בײדע זענען זײ אין מיר,
דער שײַטער־הױפֿן און די קרױ.

מײַן קינד, זײ װעלן זײַן אין מיר
אױך הינטער מײַן פֿאַרהאַקטער װיִע —
דער שײַטער־הױפֿן און די קרױ.

די צעפּ פון מײַן שוועסטער

עס קומען די צעפּ פון מײַן שוועסטער
בײַ נאַכט אין מײַן צימער ווי פליגל;
און וויל איך אַ קוש טאָן מײַן בעסטער —
ווערן זיי בלוט אינעם שפּיגל.

דאָס גיט מיר די שוועסטער אַ סימן:
מיר זענען אין לאַנד פון דײַן וויגל...
— שווימען, שווימען, שווימען,
אַהין, מיטן שטראָם, דורכן שפּיגל!

נאָר הינטערן שפּיגל איז ליידיק — —
פאַרלאָרן האָט זי אין אַ נעפּל
אַ סטענגע, וואָס מאָרגן וועט פריידיק
מײַן קינד עס אַרײַנטאָן אין צעפּל.

טאַטע און קינד

א. אַנטקעגן פענצטער

די קליינע פרעגט איר טאַטן, דעם פּאָעט,
וואָס לעשט זײַן קאָפּ אָן בלאַט פּאַפּיר אַ מידער
אַנטקעגן פענצטער, ווו „אַ שטערן צו אַ צווייטן רעדט”:
— זאָג דעם אמת, גאָט שרײַבט לידער?

און איידער נאָך ס׳באַווײַזט דעם טיפן ענין צו דערקלערן
זײַן מאַיעסטעט דער דיכטער — ענטפערט שוין דאָס קינד:
— מסתמא שרײַבט ער. זײַנע לידער זענען עס די שטערן.
פאַר וואָס זאָלסטו דו ניט שרײַבן מיטן זעלבן ווײַסן טינט?

ב. שאַ

אַלע נאַכט אין מײַן צימער זעט אױס דער װאַזאָן
אַ זילבערנער האָן.
איז מיר אַ װוּנדער: אַ האָן און קרײט ניט.

אַלע נאַכט אין מײַן צימער, פּאַװאָלינקע, שאַ,
קומט דער טאַטע אַרײַן מיט אַ קריגל אַזאַ
און גיט דעם װאַזאָן צו טרינקען.

שטענדיק טרינקען. איך קאָן ניט פאַרגעסן, —
פאַר װאָס גיט דער טאַטע אים קײן מאָל ניט עסן?

ג. שפּילצייג

דײַנע שפּילצײַג, מײַן קינד, האַלט זיי טײַער,
דײַנע שפּילצײַג נאָך קלענער ווי דו.
און בײַ נאַכט, ווען ס׳גייט שלאָפֿן דאָס פֿײַער, —
מיט די שטערן פֿון בוים דעק זיי צו.

לאָז דעם גאָלדענעם פֿערדעלע נאַשן
די פֿאַרוואָלקנטע זיסקייט פֿון גראָז.
און דעם ייִנגל טו אָן די קאַמאַשן
ווען דער אָדלער פֿון ים גיט אַ בלאָז.

און דײַן ליאַלקע טו אָן אַ פּאַנאַמע,
און אַ גלעקעלע גיב איר אין האַנט.
ווײַל ס׳האָט קיינער פֿון זיי ניט קיין מאַמע,
און זיי וויינען צו גאָט בײַ דער וואַנט.

האָב זיי ליב, דײַנע קליינע בת־מלכּהס,
איך געדענק אַזאַ טאָג — ווי און ווינד —:
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד.

קומט אין זומער־היישעריק אַ חלום — —
אינעווייניק מאַנט אַ שניימענטש: העלף.
און איך זע: די שויבן פון מײַן חלום
ווערן ווערן ווו עס וואָיען וועלף.

— ליבער גאַסט, איך ווייס, דו ביסט ניט יענער
שניימענטש פון מײַן קינדהייט, ביסט ניט ער,
לאָמיר קוקן אויג אין אויג ווי מענער:
זאָג דײַן נאָמען, וואָס איז דײַן באַגער?

בלאַנדזשענדיקע אָפּקלאַנגען פון היילן.
זײַנע ליפּן שלאָגן מיט אַ קעלט.
— שולדיק, שולדיק — הייבט ער אָן דערציילן —
אין אַ שניימענטש האָב איך זיך פאַרשטעלט!

דעמאָלט, ווען מײַן גאַנצענע פאַמיליע
האָט מען אָפּגעקאָסעט פון דער וועלט,
אויך מײַן גאָלדן מיידעלע, מײַן ליליע —
האָב איך אין אַ שניימענטש זיך פאַרשטעלט!

מײַנע גלידער זענען לאַנג ניט מײַנע,
בלויז די פּים די מידע זענען יאָ.
גייען זיי... און האָבן ניט קיין טענה,
וואָס דער חוט־השדרה איז אַ קראָ.

ס'ענטפערט ניט מײַן גאַסט. ער איז אַ שטומער.
כ'וויל ניט זײַן אַ שניימענטש אָן אַ שטאָם!
נאָר צעשמעלצן קאָן מיך ניט קיין זומער,
זאָג, ווו נעמט מען גיהנומדיקן פלאַם?

— ס'נעמט אָנטייל אַ שטורמישער ים אין קאָנצערט...
— עס וויינען די פידלען מיט קלאַנגען צעגליטע...

נאָר איך האָב אין כוואַליקע פידלען דערהערט
אַ שטים פון דער ליטע:
— ייִדן, שטייט אויף צו דער שחיטה.

אַ פרוי... אירע אויגן — צוויי קינדער אין גרוב,
צעהוידעט אַ געסל און פויקט מיט דער דלאָניע,
בײַם שפּראָץ פון דער זון, אין אַ קעלער, אַ שטוב,
(איך זע איר געשטאַלט אין דער נײַנטער סימפאָניע):
— דער הימל האָט מער ניט קיין שליטה,
ייִדן, שטייט אויף צו דער שחיטה.

זאָל זײַן אַז משיח אַליין איז דאָס קול.
זיי ווילן ניט אויפשטיין. — דערבאַרעם זיך, ניטע!
עס פאַלן די פידלען און ס'פאַלט מיט אַ מאָל
דער הימל, וואָס האָט ניט קיין שליטה.
פאַרברענט איז די צונג, נאָר געבליבן אַ קול,
אַ שטים פון דער ליטע. — —

די שטיינער אין מײַן אַלטער שטאָט
וויינען אין די נעכט ווי קינדער:
— וואָס האָסטו אונדז געלאָזט אַליין?
אָ, שעם זיך דו פאַרשווינדער!
אַ שטיין איז עלנט ווי אַ שטיין,
וואָס האָסטו אונדז געלאָזט אַליין?

צי זענען מיר דען שולדיק אויב
צעפאַלן איז דײַן שטוב אין שטויב?
מיר האָבן ניט קיין פיס און ניט קיין פליגל.
וואָס האָסטו אונדז געלאָזט אַליין?
אַ שטיין איז עלנט ווי אַ שטיין.
מיר האָבן ניט קיין פיס און ניט קיין פליגל.

ניין, איך דאַרף זיך ניט דערמאָנען, דו אַליין ביסט מײַן זכּרון,
בין אַ זונזייגער אין מידבר און מײַן שאָטן איז דער ווײַזער.
ס׳גאַנצע לעבן וועט ער קרײַזן אַרום זונזייגער דעם דאָרן,
און באַוויינען דײַנע יאָרן און באַוויינען דײַנע הײַזער.

✶

אומגעזען, ווי ס׳האַרץ, נאָר וואַכיק, תּמיד קלינגט אַ גלאָק — דײַן נאָמען:
וויל — נע! וויל — נע! און די קלאַנגען, אין באַגלייטנדיקער גאַמע,
זענען גאַסן און חברים, זענען פּנימער און תּהומען.
צווישן תּהומען און פאַנטאָמען קלינגט אַ פײַכטער נאָמען: מאַמע.

✶

אוי, ווען איך וואָלט קאָנען ברענגען אויף די אַקסלען איר געביין דאָ!
אײַנגעפּאַסט איך וואָלט עס דעמאָלט ווי אַ דימענט אין הר־ציון,
און פאַרשריבן אָט די שורות אויף איר טרייסטנדיקן שטיין דאָ...
פאַרן מאַמע־טעמפּל, באָרוועס, מיט מײַן קינד געקומען קני׳ען.

צום טויט פון מיין רעטערין

דעם אָנדענק פון
יאַנאָוואַ באַרטאָשעוויטש

אויב ניט דו, מײַן רעטערין,
וואָלט איך דאָך קיין מאָל, קיין מאָל
ניט געזען ירושלים.
ס'וואָלטן מײַנע לידער,
אונטער שניי, ווי זכריהס בלוט, געשריִען צו די שטערן
און די שטערן וואָלטן ניט דערהערט.
(זיי זענען אויכעט
ייִדישע געווען אין גרינע שויבן פון מײַן שטאָט,
און זיי פוילן איצטער אָן מצבות).

אויב ניט דו, מײַן רעטערין,
וואָלט איך געמוזט אַליין
איבערשנײַדן זיך דאָס לעבן, וואָס איז פול מיט לעבנס;
און עס וואָלט מײַן דרעמלענדיקע מיידעלע, מײַן טרייסט,
ניט געפרעגט דעם טאָטן אַזאַ וווּנדערלעכע שאלה:
„וויפל יאָר בין איך געווען איידער כ'בין געבוירן?"

אַצינד איז רעגנצײַט,
און ביזן האַלדז בין איך אין בערג —
מיט קוואַלנהענט אָן מיר זיך אָנגעהאַנגען,
אַריבערטראָגן זאָל איך זיי די תּהומען.
און זע: אָט קומט אַ וואָלקן און אַ קעלער אינעם וואָלקן,
און דו, אין אַ פּאַטשיילע, ווי אַ לאַנקע צווישן תּליות,
געבויגן איבער מיר, דעם בערגל ווּנדן.

מײַן רעטערין, ביסט אויסגערעגנט אין ירושלים.
אַ רעגן־בויגן האָט פאַר דײַן נשמה זיך געצונדן.

מיניאַטור

קומען וועל איך אויף די קני,
קומען וועל איך אויף די הענט.
קומען וועל איך אויף די טרערן
וווּ דײַן טעמפּל איז פֿאַרברענט.

כ׳וועל דיר ברענגען זיך אַליין,
ווי אַ האַנט פון זיך אַליין...
מיניאַטור וועט זײַן דער טעמפּל,
אויסגעשניצט פון מײַן געביין.

וואַלדיקס. מאַמע. מאַמע־שטאָט!
ס׳וועלן ציִען זיך מיט רעש
צו מײַן ביינערדיקן טעמפּל
גרינע פּנימער פון אַש...

גראָ

זיי ווערן גראָ, די געטאָ־פּאַרטיזאַנען,
זיי ווערן גראָ, ווי שטערן אין באַגינען.
און איבער יונגן מאַרמאָר
פּאַלט אַ מידע זייער גראָקייט
מיט אָפּשײַן פון רויִנען.

און גראָע אויגן שווימען צו אַ שטאָט,
ווו בלויז אַ דענקמאָל איז געבליבן,
בלויז אַ וווּנד אין הימל.

ווײ,
בײַם דענקמאָל וויקלען זיך ווי שלאַנגען
רויטע קרענץ,
פון מערדער באַרעמהערציקע, פון דײַטשן,
וואָס קומען איצט מטמא זײַן די שטיינער.

און ס׳דאַכט:
עס גיבן שטיינער זיך אַן עפן.
איבער וואַרשע גיט אַ זאַלפּ: נקמה!
פון יענע ייִנגלעך אין די באַרעליעפן.

שעהען

דו געדענקסט נאָך ווען די שעהען זענען איינציקוויַיז געבוירן,
יעדער שעה — אַן אַנדער פאַרב און גורל.

איצטער שטייסטו פאַר די שעהען און אַ בייג זיך, און אַ הייקער:
אַלע סמען מישט צוזאַמען אַ משוגענער אַפּטייקער.

אין דער פינצטער, אין אַ שטייסל מישט ער בלינד און בחפזון:
איַיזן, פערל, גראָזן מיט נאַרקאָזן.

אויפגעמישט אין איין רפואה אַלע דאָרטנס מיט די דאָען —
און ער גיט דיר טרינקען דיַינע שעהען.

צייט

פאַר יעקב גלאַטשטיין,
צו זיין זעכציקסטן געבוירן־טאָג

דעמאָלט, ווען מײַן באָבעלע,
אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק,
אַזאַ נאָבעלע,
האָט מיך צום געבוירן־טאָג
באַשאָנקען מיט אַ זייגער —
דעמאָלט איז מײַן צײַט געגאַנגען
אין דעם זעלבן שטייגער.

ס'איז געווען אַ וואַנטזייגער, וואָס שטאַמט פון דער לבנה...
ימען טײַנט איז ווייניק צו באַשרײַבן זײַן פּאַסאָן.
זי האָט אים געראַטעוועט
(אויב ס'דינט איר דער זכּרון)
כּלה־צײַט, פון אַ פּאַזשאַר בײַם זיידן אין סמאַרגאָן —
יענע שטאָט, ווו אין אַ לאָרבערקראַנץ
איך בין געבאָרן.

ער איז געווען אַ קאַליקע
מיט קרומע פּיס פון בלײַ;
אויף דינע קייטן גאַליקע,
וואָס באַמבלען זיך דערבײַ.

אַ שניימענטש, אַן אַנדרוגינוס,
פון רויטן האַלץ און שטאָל.
מיט ברענענדיקע אויגענעס,
ווי שטערן צוועלף אין צאָל.

איך האָב מײַן גאַסט מײַן טײַערן
באַשטימט אַן אויבן־אָן:
— איך וועל דיך פּוצן, שײַערן
און דאָ וועט זײַן דײַן טראָן.

און כאָטש ער האָט געשניטן,
האָט ער דעמאָלט ניט פאַרשניטן
מײַן צײַט.
זי איז געווען אין גאַנצן מײַנע.
און אַז מײַן באָבען האָט פאַרגלוסט זיך דווקא
אָנצוקלאַפּן מיטן בלאָען שירעם
אין גן־עדן —
האָט דער זייגער ניט דערלאָזט מיר זאָלן זיך צעשיידן.
געוואָרן איז די באָבעלע אַ היימישע קוקאַווקע
און יעדער שעה אַרויסגעשפּרונגען פון איר קבר:
— קו־קו!
דײַנע איז די צײַט, אוי דײַנע, דײַנע:
— קו־קו!

אַצינד, ווען יענער זייגער איז פאַרברענט,
איז אויך מײַן צײַט ווי אָפּגעברענטער קאָרן.
און בלויז דער בלינדער קו־קו זוכט אַ נעסט אין מײַן זכּרון.

„ס'איז די קללה פֿון דער צײַט, ווען בלינדע
לאָזן פֿירן זיך פֿון משוגעים."
שורות הײַנטיקע פֿון קעניג ליר,
שורות גרויליקע פֿון מיר צו דיר.
ניטאָ פֿאַר זיי קיין נאָנט און ווײַט,
וווּהין דו זאָלסט אַנטרינען —
דער עכאָ: „ס'איז די קללה פֿון דער צײַט"
וועט דיך געפֿינען.

— און אויסער צײַט?

— איז ביטערער... אין יענע טויבע שלעסער
טויט ניט ווי דער טיפֿער שניט פֿון מעסער.
מע קאָן אַפֿילו ניט אַראָפּ פֿון זינען.

אין אַמסטערדאַם, אין נײַנצן פֿערציק זיבן,
געזען האָב איך די „נאַכטוואַך" פֿון רעמבראַנדט.
ווען מ'האָט זיך שוין פֿאַרגונען לעבן, ליבן,
האָט אויפֿגעזיגלט אַ באַפֿרײַטע האַנט

ס'געמעל פֿון דר'ערד. זי האָט עס דאָרט באַהאַלטן
פֿון דיקן טויטמאַרשאַל און זײַן אַרמיי;
און ס'האָט דאָס בילד, פֿון ליגן אונטער שניי,
אַרויסאַנטפּלעקט פֿאַרהוילענע געשטאַלטן.

ווי לאַטאַסבלעטער וויקלען זיך די פֿאַרבן...
געשטאַלטן, וואָס די צײַט האָט זיי פֿאַרמאָלט —
זיי לעבן ווידער. פּנימער אין קאַרבן.
פֿון הינטער שפּיזן, אין צעגליטן גאָלד.

* * *

וואָס פּײַניקט מיך דײַן אַלטער לײַוונט, מײַסטער,
אַצינד אין זיבן יאָר אַרום, אַצינד?
אַנטפּלעקן זיך אויף ס'נײַ אין מיר די גײַסטער
פֿאַרהוילן אין זכּרון, אין דער בלינד?

ווער וויקלט אים פֿונאַנדער, דעם זכּרון,
צעקאָרטשעט ווי אַ שפּיגל אין אַ פֿלאַם?
ווער האָט אין דר'ערד באַהאַלטן מײַנע יאָרן,
זיי אויפֿגעזיגלט מיט אַ וואָרט און גראַם?

ווי לאַטאַסבלעטער וויקלען זיך די פֿאַרבן...
געשטאַלטן, וואָס די צײַט האָט זיי פֿאַרמאָלט —
זיי לעבן ווידער. פּנימער אין קאַרבן.
פֿון הינטער שפּיזן, אין צעגליטן גאָלד.

1954

עס קומט דער טויט אים אויסהיילן פון לעבן.
אונטערן קופּאָל פון שאַרבן גייט און פאַלט אַ רעגן
אויף ברענענדיקע לאַנדשאַפטן.
ער פילט
דעם שיינעם זעלבסטמאָרד פון אַ מינדסטן טראָפּן.
אַ דאָקטאָר, ווי אַ וואָלקן אַ פאַרקלערטער,
בלוטיקט אַ רעצעפּט בײַ אים צוקאָפּן:
— דרײַ מאָל טעגלעך צו אַ לעפל ווערטער.

אַ פּאַלמע ווײגט אַ פֿײגעלע און קאָן עס ניט פֿאַרווײגן,
אַנטקעגן פֿענצטער, וווּ עס ליגט דער גוסס.
איך זע ווי צווישן ביידן גייט אַ דימענטענער ניגון —
די זון־מוזיק פֿון זילבן, ווערטער, אותיות.

דער סקולפּטאָר מיט די טויזנט אויגן ענדיקט שוין די מאַסקע.
ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט אַ טרער וואָס אויף דער וויִע?
אַ, טרער דו לעצטע, גלי אים אָפּ די פֿינגער. לאָז ניט, בליאַסקע,
און זאָל דײַן האַר פֿאַרזאַמען די נסיעה!

דער סקולפּטאָר האָט שוין זײַנס געטאָן. אַוועק. ניטאָ דער גדול.
די מאַסקע — בלאָ. דאָס פֿייגעלע נעמט שוועבן
אין זעלבן בלאָ. און דאָרטן, וווּ איך זע עס ווי אַ נאָדל,
נעשעט דער איבערבײַט פֿון טויט און לעבן.

געווען איז אַ בית־עולם, געווען אַ גרינע באַנק,
צום ערשטן מאָל מיר זייגן דעם פּורפּורנעם געטראַנק.

און אַז דײַן ווײַסער אַקסל גיט ווײַסער נאָך אַ בלאַנק —
באַדאַרף איך ניט קיין אויגן, וואָס לעשן דעם געדאַנק.

„פּאַרזיגל אַלע ווערטער, צו־שיכּור איז די באַנק,
אַ שטילקייט קאָן דערהערן, די מתים זענען קראַנק״.

פּאַרשנייט איז דער בית־עולם, און דו, און אויך די באַנק,
נאָר דײַנע ליפּן זינגען: „די מתים זענען קראַנק״.

די זעג

א מאַן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זעג
און אויסער מיר האָט ניט דערזען אים קיינער.
און מענטשן, ווען זיי קומען אים אין וועג,
אין אייגן פלייש דערפילן זײַנע ציינער.

צעזעגט האָט ער זײַן צײַט, זײַן היים, און שטיינער.
צעזעגט די זון די מאַרמאָרנע, דעם רעגן,
און בלויז די *ווערטער* ניט געקענט צעזעגן.
און אויסער מיר האָט ניט דערזען אים קיינער.

דיאַלאָג אין גראָ

זי זאָגט: פון דײַנע אויגן גייט אַ רויך,
זײַן קלאָרן אינהאַלט קאָן איך ניט געפינען.

ער זאָגט: פון מײַנע אויגן גייט אַ רויך —
ניט אויסגעלאָשן זענען די רויִנען.

זי זאָגט: ווי קאָן איך לעשן, איך בין פלאַם,
און בלויז מײַן טויט איז אַ געליימטע כוואַליע!

ער זאָגט: פאַרלאָשן האָט מײַן רויך דײַן פלאַם,
צו וואָס האָסטו באַדאַרפט די וואַקכאַנאַליע?

ליבשאַפט

אַ דיכטער אין זײַן שרעק צערײַסט
אַמאָל זײַן ליד: צו־שײן, צו־אָפן.
און קלאָגן קלאָגט אין אים זײַן גײַסט,
ביז װאַנען ס׳קומט אין נײַע סטראָפן.

באַגעגנט האָב איך אַ געשטאַלט.
אַמאָל איז זי געװעזן א י י נ ע —
אַ בליץ, װאָס קניִען צװינגט דעם װאַלד,
באַגעגנט האָב איך הײַנט אַ זקנה.

דו האָסט אַ ליד פון זעכצן יאָר
פאַרברענט אין שײַן פון דײַנע גלאָריעס.
אַזאַ װעט שױן ניט קומען. קלאָר.
צי איז דאָס ליבשאַפט, צי אַכזריות?

א

קוים פיל איך דײַן האַנט אויף מײַן אַקסל,
די האַנט פון אַ שאָטן,
קוים פיל איך די פינגער ווי שניטן אין שניי צו אַ כוטער —
נעמען זיך ציִען פון מײַנע שוואַרצאַפּלען די שניטן,
און איך בין אין זיי אַ פאַרקלונגענער זילבערנער שליטן.

ב

כ׳בין געוועזן שוין אַ וואָלף אין אַ וויגע,
מיט אַ צווײַגעלע קאַרשן אין מויל.
זענען שנייען געוואָרן משוגע
און פאַרשאָטן צו דיר מײַן געהויל.

און דעם צווײַגעלע קאַרשן פון מויל...

דו האָסט געזאָגט: „איך װאָלט מיט פרײד
זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע מײַנע
באַשערטע יאָרן — פאַרן פרײַז
פון קאָנען איבערלעבן װידער
מיט דיר צוזאַמען יענע נאַכט
װען בײדע זענען מיר געװעזן
װי ניט־פאַרשטאַנענע מוזיק."

און איך, װי ס'װאָלט אין מײַנע צײַן
דאָס האַרץ געגוססט — האָב געשװיגן,
און בלויז געזען: אַ מינענפעלד
און מיר, צעװישן פולװער, — ליגן.

זילבערנער פעניקס

פֿאַר לייב ראָכמאַן

פֿאַרהאַק ניט דעם טויער, לאָז לעבן די ווונדן.
געפֿין אַזאַ קאָרענעם קלאַנג זיי צו זעטיקן.
דאָס איז דײַן ירושה. דאָס זענען די בונדן.
און ווי, אַז דו וועסט בלויז אַ רגע פֿאַרשפּעטיקן.

אַן איינציקער פֿאַרמעט — אַ זילבערנער פעניקס,
אַרויסגעפּיקט האָט זיך ניט לאַנג פֿון די שײַטערן.
דאָס איז דײַן ירושה. דעם אייביקן קעניגס
באַהאַלטענער פּסוק אויף דעם, וועט דיך לײַטערן.

א

פון זינט עס האָט דער האַר, פון אייגן־ברענענדיקן שאָטן,
דעם פײַער־וואָגן מיט די ווונדער־סוסים אויסגעקנאָטן
ביי זיך אין קוזניע, און פאַרטרויט זײַן ווילן צו די סוסים,
דער נביא זאָל אין הימל ברענגען פון ערד אַ גרוס אים —
און אליהו איז פאַרביי דעם סיריוס, דעם יופּיטער,
צו זײַן דער סאַמע נאָנטסטער שטערן לעבן דעם געביטער —
פון דעמאָלט האָט דער פײַער־וואָגן שוין געמוזט אין זעלבן
צעשפּילטן ריטעם אויסמעסטן די שטערנישע געוועלבן.
געלאָזן האָט ער אליהון ערגעץ אין אַ סאַליע,
צוזאַמען מיט זײַן צײַט — אַ כוואַליע וואָס געבווירט אַ כוואַליע.
און צווישןביידן איז דער מילכוועג שוין אַצינד אַ גדר,
און וועלטן דרייען זיך ווי שלאַנגען רונד אַרום די רעדער.
ווײַט־ווײַט איז שוין דער פײַער־וואָגן, ווײַט פון בליצן, שלאַקסן,
איז דאָ אַ כּוח וואָס זאָל קאָנען אײַנהאַלטן די אָקסן?

און פּלוצעם האָט אַ ברומעניש מיט אָפּקלאַנג פון יללות
אַ קנײַטש געטאָן דעם חלל, ווי עס וואָלטן די מזלות
געוואָרן ליבן — — ווי מלאכים וואָלטן זיצן שבעה — —
אַ ווײַסע האַנט האָט אָנגעכאַפּט די סוסים בײַ דער גריווע:
— צום קעניגרײַך פון אַשמדאי, דעם צינדער און דעם שינדער,
און ברענג דעם טאַטן זײַנע ליבע קינדער!

ב

באַשלאָגן האָט אַן אײַז די גלידער
בײַם דימענטענעם רכב־אָש,
ווען ער האָט זיך געלאָזן ווידער
צום קעניגרײַך פֿון בלוט און פֿלייש.

געצויגן האָט אים אַ זאַווייע —
אַ צוגעקלעפּטער שטויב צום אַקס.
די קייטן פֿון דער קאַסיאָפּייע
צעפּיצלט ער ווי דינעם פֿלאַקס.

און אַט איז שוין דער שטויב אַצינדער
די אַלט־באַקאַנטע גרינגע קויל.
דער פֿײַער־וואָגן זוכט די קינדער,
ווו זענען זיי? ניטאָ קיין מויל.

ג

בלויז רויכן, רויכן, שוועבעדיקע רויכן,
די טויטע קינדער — לעבעדיקע רויכן.

זיי רופן: מאַמע, מאַמע! פון די רויכן,
די גאַנצע פּאַנאָראַמע איז אין רויכן.

די ליאַלקעס און די בייגל זענען רויכן.
און איבער זיי די פייגל זענען רויכן.

די טויטע קינדער הילן זיך אין רויכן,
די טויטע קינדער שפּילן זיך אין רויכן.

ד

דער פײַער־וואָגן האָט דערפּילט: ער איז פון זעלבן שטאָף,
און זײַנע רעדער — וואַקלענדיקע, לאָמע.
ער וועט ניט ברענגען די פאַרשעמטע רויכן צום אֵין־סוף,
און דאָס וועט זײַן פאַר אַלע טויטע קינדער די נקמה.

נאָך גוט וואָס אליהו איז דאָ ניט מיט אים באַנאַנד,
אָ, גוט וואָס ער איז אויבן אין דער סאַליע.
און „דיבאָס" שטעלן זיך די סוסים קעגן תּהום, בײַם ראַנד,
באַשטימט אין זײַנע שלונדן צו דערלאַנגען זיך אַ וואַליע.

נאָר באַלד האָט אים די זעלבע ווײַסע האַנט געטאָן אַ צי
מיט בלענדיקע מאַגנעטישע געוועבן:
— דו זאַמל אײַן די רויכן אין דײַן ליידיקייט און פּלי,
אַזוי ווי כ'לעב, די טויטע קינדער מײַנע וועלן לעבן!

ה

און מיר, אין אויסגעבענקטן לאַנד, ווי דענקמעלער פון אײַזן,
באַשטענדיק וואַרטן מיר און בענקען, דאָ זאָל זיך באַווײַזן
דער אָדלערדיקער פײַער־וואָגן זעגנדיק דעם נעפּל,
מיט קינדער, קינדער, ניט קיין רויכן, זוניקע ווי עפּל.
און אליהו, ער אַליין, זאָל זײַן מיט זיי צוזאַמען,
צו אָנווײַזן די קליינע זייער טאַטן, זייער מאַמען.
און ער אַליין זאָל אויפהויבן אַ כּוסע, מאַכן קידוש,
און פונעם פײַער־וואָגן זאָל ער בענטשן זיי אין ייִדיש — — —

1957

מיר האָבן בײדע זיך געזעגנט
בײַ פּושקינס דענקמאָל, בײַ די טרעפּ;
און מאָסקווע האָט צו־לאַנג באַרעגנט
מיט רויטע שטערן אונדז די קעפּ.
און ווי מיר נעמען זיך פונאַנדער
און ליפּן צוקן: זײַ געזונט! —
האָסטו דערזען ווי אַלעקסאַנדער
פאַרשטעלט אין בראָנדז אַ הייסע ווונד.

און נאָך אַ מאָל דײַן האַנט אין מײַנער
און דײַנע אויגן גרוי פון גרויל.
— איך וויל ניט ווערן אַ ציגײַנער —
האָסטו געזאָגט מיט קרומען מויל.
פּאָעט! אין אייביקייט דײַן וואַנדער,
ווו ס'גיט זיך אונדזער שטויב אַ צונד!..
און איבער דיר האָט אַלעקסאַנדער
פאַרשטעלט אין בראָנדז אַ הייסע ווונד.

איך האָב געזאָגט: אַ שוואַרצע חופּה,
פון טויט געשפּונען, איז מײַן שטאָט.
מיר זענען טעקסטן צו דײַן „קופּע"
און אויסדערוויילט צום עשאַפאָט.
אַוודאי איז דער שנײ מיר אייגן
און קיין מאָל וועט ער ניט צעגיין...
נאָר מיר צוקאָפּנס וויל איך לייגן
אַ ייִדישן, אַ ווייכן שטיין.

עס האָבן פּלוצעם די טרומייטן
זיך אויסגעלאָשן אויפֿן סקווער.
און כ'האָב דערזען דײַן טרער אין קייטן,
ווען ס'איז אַוועק אַהיים דײַן טרער. — —
ווו ביסטו, חבר? — זינג דעם אמת!
פֿון קבר זינג מיט פֿרײַען מויל:
איך האָב דיר, לאַנד, געשאַלט פּאָעמעס
און האָסט צוריקגעשאַלט אַ קויל.

1956

צו א. וואָגלער

דו ביסט געווען אַ פעלד מיט גריקע,
און דײַנע לידער — בינען, בינען,
וואָס ציִען פונעם פעלד יניקה
און טראָגן האָניק ביז באַגינען.

און איצטער: זינגסט פון זעקסטן גאָרן
דײַן טרויער צו דעם קליינעם בינשטאָק.
די בינען ברענען אין זכּרון,
דער חלום בלוטיקט אין אַ רינשטאָק.

צעשפּליטערט איינער פון דעם צווייטן — זע איך ווי איר שפּאַנט
צו היילן די רויִנען צווישן פעלדזן פון יהודה.
אָ, ברידער לעצט־געבליבענע, איר פינגער אָן אַ האַנט,
און די וואָס זענען אַש אין ווינט — קומט אַלע צו מײַן סעודה.

מיר האָבן אויפגעבליט אין קלאַנגען איבער אונדזער היים
באַגלײַך מיט די בעריאָזקעס איבער טויערן, געזימסן;
און אונדזער חלום האָט געחלומט בימים ההם
פון אויסגעלייזטער וועלט אין לויטער גרינסן.

איז ענג דער ברונעם ווען די שטערן טרינקען זײַן אָין־סוף?
מיר האָבן זיך געצויגן צו די שטערן דײַנע, ווילנע!
אויך ווען מיט אונדזער בלוט זיי האָבן אָנגעזאָגט דעם סוף —
געווען מיר זענען העזהדיק און יונג און ,שטשעפּעטילנע׳!

אַצינד איז ענגער אונדז די וועלט אין עלנטן געביין,
ווי ס׳גאון־געסל מיטן שטויב און קאָפּטשענדיקן לעמפּל.
אָ, ברידער לעצט־געבליבענע, אַליין, אַליין, אַליין,
צוזאַמען מיט די טויטע קומט איר איצטער צו מײַן טעמפּל.

ס׳קומט לייזער וואָלף מיט גרינע לידער, קומט פון גלותטאַן,
אַן אויפגעצוקטער פון זײַן אייגן זינגענדיקן פײַער.
דאָס ווילנע־קינד, וואָס איז אַוועק אין שניי פון דזשינגיס־כאַן...
אין אויג — אַ ווילדע רויז, אין מויל — אַ בלײַער.

און ס׳קומט דער שוסטער משה־איצקע, ווי נאַפּאָלעאָן.
האָט אויסגעשטעפּט מיט רויטע פעדעם זײַנע משוגעתן;
— דער טויט איז ניט פאַר מיר — האָט ער געזאָגט — און איינער קאָן
זיך דורכרײַסן, יע, יע, מע זאָל ניט שפּאַסן!

און שמשון, וואָס אַ פּאָדקעווע פון גאָלד האָט דער עסטעט
געשמידט פאַר זײַן ציגײַנער־פערד און ווי אַ זאַנג אַ דינער
געטראָגן זיך אויף אים צו יעדן טאַנץ און קאַבאַרעט,
ביז אָפּגעשימערט האָט זײַן קאָפּ אין האַק פון אַ ליטווינער.

און ער, מײַן געטאָ־ברודער... ס׳האָט אַ מלאך אים באַהיט
אין מתים־טאָל. ער האָט דעם טאָל באַהאַנגען מיט גירלאַנדן!
געוועזן איז היימיש עפּלווײַן בײַ שמערקען דאָס געמיט —
צוזאַמען מיטן טויטן מלאך קומט ער פון די אַנדן.

ס׳באַגלייט זיי וואָגלער פון פּאַריז — אַ בליִענדיקע צווײַג,
און פּרצקע, וואָס קלאָגט זײַן ווילנע־קדיש אין קאַנאַדע;
און ווי אַ לייב אַרויסגעריסן פון זײַן אַלטער שטײַג,
נאָר אײַנגעשטאָכן איז די שטײַג אין אים — קומט חיים גראַדע.

און ווילנע קומט, און די וויליִע, מיטן זעלבן שטעג,
זי שטעלט אַרײַן איר בלויקייט אין די אויסגעפּיקטע שויבן.
און ווידער שליסן מיר אַ בונד ווי אין די יונגע טעג,
און ווידער הייבן מיר די כּוסות מיט באַנײַטן גלויבן.

1956

פון זיך צו זיך

צו זיך אַליין ווי צו אַ צוווייטן לייג איך צו מײַן אויער.
און מײַנע אויגן, איבערפול מיט זינגענדיקער זעונג, —
איך נורטעווע אין דײַן געהיים, ווי אָדערן אין מאַרמאָר:
פאַרזיגלט זענען דײַנע סודות, ווער האָט זיי פאַרזיגלט?
פאַר וועמען די מוזיק פון דײַנע ניט־אַנטפּלעקטע סודות?
מוזיק פון הענט און ליפּן. קלאַנגסימבאַלן אין דער פינצטער.
מוזיק פון רעגן, רעגן־בויגן, איבער — איבער — איבער —

דו ביסט אַ בינשטאָק הינטער פײַער און איך קום ניט נענטער.
דו קאָרמעסט מיך מיט אָפּגעהאַקטע קלאַנגען — דײַנע בינען.
און ס'טרעפט, אַ בין פאַרבלאָנדזשעט און זי ציט אַוועק אין מידבר,
אַ בין פאַרזוכט אַ בלענדל הויט און זי ווערט בלינד פון שיינקייט,
און איינע זוכט: אַ קוש טאָן די פאַרסמטע בלום און שטאַרבן.

איך זע און הער. און מיט די קלאַנגסימבאַלן, ווי מיט נאָדלען,
פאַרניי איך וווּנדן אויף די ווײַסע מוסקלען פון פּאַפּיר.
נאָר אַלצדינג וואָס איך האָב געזונגען ביז אַצינד איז אָרעם
אַקעגן דײַנע אוצרות וואָס דו האָסט אין מיר פאַרזיגלט.
ס'איז יעדער קלאַנג אַן אָפּקלאַנג פון דער תהומיקער מיסטעריע,
מיט יעדן שפּאַן — אַלץ ווײַטער און פאַרהוילענער דער בינשטאָק.

די צײַט איז בלויער וואַקס. און טריף נאָך טריף זי ווערט צעשמאָלצן.
אָ, שטילקייט אויסגעטאָן פון צײַט! עס קומען שוין די בינען
צוריק אַהיים פון זייער לאַנגער, זוניקער נסיעה.
לאָז איין מאָל מיך אַרײַן אין זיך אַליין, ווי בלוט אין בלוט,
און זאָל די ווילדע מלכּה מיך אַ בים טאָן!

1956

די שוואַרצע קוזניע לעבן פלאַנקען
אין פונקען ווי אין רויטן מאָן —
זי האַמערט מיר אין די געדאַנקען:
— איך בין... דערמאָן זיך שוין, דערמאָן!

און די דערמאָנונג איז אַ קלאַמער,
אַ שפּיץ אין מיר, אַ שפּיץ אַהין.
שמידיאַל קלינגט פונאַנד זײַן האַמער
אין שוואַרצער קוזניע: יאָ, איך בין!

פון בוידעמשויב איך זע דעם וווּנדער:
שמידיאַל צויבערט קלאַנג נאָך קלאַנג,
און אונטער יעדן קלאַנג באַזונדער
ווערט אויסגעצויגן מײַן פאַרלאַנג.

וואָס צווישן פונקען קומט זיך ווײַזן
דורך בלאָער פּריזמע פון קרישטאָל:
אַ ווינטער אויסגעשמידט פון אײַזן,
אַ שקיעה אויסגעגליט פון שטאָל.

איך גיב דעם שמידער מײַן שוואַרצאַפּל,
מײַן צײַט, מײַן ליבע, מײַן געוויין;
און אונטער האַמער גלי איך, צאַפּל,
אַבי צו קאָנען זאָגן: שיין!

און אָט דער שיינקייט וויל איך דאַנקען,
זי איז מײַן אייביקע מינוט.
אַ, שוואַרצע קוזניע לעבן פלאַנקען,
דײַן האַמער טאַנצט בײַ מיר אין בלוט!

פּאָעזיע

אַ טונקל פּיאָלעטע פּלוים
די לעצטע אויפֿן בוים,
דין־היַיטלדיק און צאַרט ווי אַ שוואַרצאַפּל,
וואָס האָט ביַי נאַכט אין טוי געלאָשן
ליבע, זעונג, צאַפּל,
און מיטן מאָרגן־שטערן איז דער טוי
געוואָרן גרינגער —
דאָס איז פּאָעזיע. ריר זי אָן אַזוי
מען זאָל ניט זען קיין סימן פֿון די פֿינגער.

1954

*

אײַנגנעמען שטחים פֿון צײַט מיטן וואָרט,
זאַלבן אויף זיי דײַנע זויבערע זילבן;
וויקלען אין קלאַנגען־רצונות די מוסקלען,
אָנטאָן אַ שטילקייט אין ערדישע הויטן,
שפּאַלטן אַ גראַם ווי אַ מילגרוים און טרינקען,
לאָזן די גלידער פֿאַרשווימען אין לידער
ביז דײַנע לידער אויף ס׳נײַ ווערן גלידער —
אָט צוליב דעם ביסטו, יִנגל, באַשאַפֿן.

דרײַ ביימער

פאַר יעקב באָטאָשאַנסקי

ווער ביסטו, פאַלמעצווײַג, דײַן גרין
באַקאַנט איז מיר, באַקאַנט...
— איך בין געווען, איך בין, איך בין
אַ צווײַג אַ כיראַמאַנט.
ייִנגל, גיב דײַן האַנט.

איך גיב, איך גיב, און איבער מיר
זינגט דער כיראָמאַנט:
— ייִנגל, ס׳גייען אין דײַן האַנט
באַזונדערע דרײַ וועגן.
איינער — צו אַ ראַבינע
אָנגעטאָן אין רעגן.
דער צווייטער שטעלט זיך אָפּ אין שניי
אַנטקעגן אַ בעריאָזע;
דער דריטער — בײַ אַ פּאַלמעבוים
אין העמדעלעך אין ראָזע.

ייִנגל, ס׳איז די ראַבינע
דײַן מאַמע, זע ווי רויט...
אין בעריאָזע וווינט דער טויט
וואָס האָט געהייסן: טאַטע.
און אין פּאַלמע לעבט אַ גײַסט,
וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען.

ייִנגל קלײַב זיך אויס אַ בוים
און צי פון זײַנע שטראָמען.

1955

אין גאָרטן

א

ביַי נאַכט אין גאָרטן האָט זיך עס אַנטפּלעקט
און ס'האָבן צוגעשטימט די בלעטער,
און ס'האָבן פינקל־וואָרעם און אינסעקט
דערציילט מיר שפּעטער:
די זון איז ניט פאַרגאַנגען, וויַיל עס גרינען
ווי קליינע זונעלעך ציטרינען.

די קליינע זונעלעך, זיי וועגן
די זוניקייט פון זיך אַליין.
די קליינע זונעלעך, זיי מעגן
זיך גרייסן: ווי מיר זענען קליין!

ב

כ׳בין די פײַכטקייט. צו מײַן גײַסט דעם פײַכטן
ציִען זיך די גראָזן מער און מער.
אַז די שטערן זאָלן קאָנען לײַכטן —
קומען זיי און טרינקען פון מײַן טרער.

פּאַפּירענע סקעלעטן, לאַנג אַנטפּליישטע,
איר שטויסן ביכער אין מײַן הויז — אַוועק!
און בייגט זיך ניט מיט רוקנס גאָלד-געליישטע...
ס'איז מײַנע הײַנט אַן אַנדער ביבליאָטעק:

אַ רעגנבוך אין פענצטער קומט זיך מעלדן.
אַן עפּלבוך אין רעגן-בויגן-באַנד.
איך לייען אים. די עפּל — זײַנע העלדן —
זיי פאַלן מיטן לייענער באַנאַנד.

אַ פאַלמעבוך אין לופטיקן געקלעטער!
אַ פויגלבוך, וואָס וויגט זיך אויף אַ צווײַג!
אַ פײַגנבוך מיט אויפגעמישטע בלעטער,
וואָס נאָר מײַן שונא ווײַזט ער איצט אַ פײַג.

אַ בלינדער מאַן,
רובינען אַנשטאָט אויגן,
זיצט אין ווײַסן העמד בײַ אַ פֿאָנטאַן
און שוואַלבן איבער אים אין קאַראַהאָד
אַרום דער הוילער טענצערין פון קלינגענדיקן וואַסער.

אַן אָנגעשפּיצטער הונט בײַ זײַנע פיס,
מיט בלאָע אויגן פון זײַן האַר — דעם בלינדן.

און לעבן בלינדן טוליעט זיך אַ פרוי,
ווי אַ דינע מאָנבלום אין אַ האָגל.
זאָלען זען די שוואַלבן:
זי האָט ליב.
זאָלן זען די ביימער:
זי האָט ליב.
פולע זענען אירע טרערן,
פולע מיט מתנות.

נאָר די צוויי רובינען זײַנע שנײַדן זי געהיים,
און —
— „צעזאַר, קום אַהיים,
איך האָב ניט ליב רחמנות!"

דער האָגל

א

אַזוי פיל מילגרוימען אין דײַנע וואָלקנס!
און בליצן שפּאַלטן זיי,
עס פּאַלט אַ האָגל.
דײַן טעם, באַשעפער, זייגן מײַנע ליפּן,
און דו אַליין האָסט זיך געלאָזט אין וואָגל
דורך מײַן נשמה, ווי די זון דורך אַ געדיכטן וואַלד,
אַהין, וווּ קיינער איז נאָך ניט געגאַנגען.
אַ פויגל ווערט געבוירן אין דײַן אייגענער געשטאַלט
און זעצט דײַן שווײַגן איבער
אין די שווײַגנדיקסטע קלאַנגען.

ב

אַלע שטאַמען קומען זיך צוזאַמען,
אַלע צווייַגן מאַכן צו די פענצטער.
קענסט פאַרבלאָנדזשען אין די גרינע פלאַמען,
אין געדיכטן וואַלד, וואָס איז דער שענסטער.

קענסט פאַרבלאָנדזשען אין אַ נעץ פון טויען,
אין די שאָטנס, ווען זיי ווערן ווילדער...
קענסט פאַרבלאָנדזשען הינטער מייַן חזיון,
איך זאָל אָנווייַזן דייַן וועג אין בילדער.

פון זיך צו זיך

ווי לאַנג דער וועג פון זיך צו זיך, ווי לאַנג?
אַ מאָל אַ האַלבע רגע דאַרף געדויערן,
און שוין. אַט איז די גאַנצקייט. נאָר אַ שלאַנג
איז אויף דער סטעזשקע צווישןביידע טויערן.
און זיבן וועלטן, זיבן קעלטן, דאַרף אַמאָל דער גאַנג
דער נאָענטער, פון זיך צו זיך, — געדויערן.

וווּ האָב איך געזען אַזאַ מין פּנימל,
וועלכע שפּיל באַווייַזט מיר די נאַטור?
יעדער שטיינדל ברענט — אַ ווייַסער גיהנומל,
און עס קומט אַ מענטש אין מיניאַטור.

ניט קיין שטרוי — אַ סוד אַ יענעוועלטיקן
ברענגט מיר די מוראַשקע פונעם טאָל,
וווּ די טויטע, זיי אַליין געוועלטיקן,
און דאָס קול פון טויט איז אָן אַ קול.

יאָ, דאָס איז מייַן פרייַנד און ניט קיין אַנדערער,
האָב גערופן — קומט ער מיט זייַן גנאָד.
און פאַרשטעלט האָט זיך אַזוי דער וואַנדערער
צו מגלה זייַן בלויז מיר דעם סוד.

ס׳פּנימל, אין פּורפּור אין צעשפּיגלטן,
לייקנט ניט, אַז מיר זענען באַקאַנט...
און אַ קליינעם פּאַרמעט אַ פאַרזיגלטן
לאָזט מיר די מוראַשקע אין מייַן האַנט.

אַלע, וואָס זענען געוועזן מיר טײַער,
אַלע, וואָס זענען פֿאַרשלונגען ווי פּערל אין פֿײַער,
זיי, מיט די זילבערנע מוסקלען,
אָ, בראשיתדיק טײַער —
שווימען אַצינד אויפֿן ים
פֿאַרשטעלטע אין כוואַליעס.
ציִען צו מיר די קאָראַלענע הענט,
שיכּור פֿון טרערן און תּפֿילות,
פֿון ים־שטורעם שיכּור.
נאָר ס׳גייט זיי אַנטקעגן מײַן שיף
מיט אַן אײַזערנער נאָז
און מערדעריש קאַלט זי צעשנײַדט און צעפּליקט זיי אויף שטיקער.

1953

אַ פֿעלדז אין ים. די כוואַליעס פּאַטשן.
און אויבן זיצט ווי אויף אַ טראָן
און ס׳גרייכט דער יַם ניט זײַנע לאַטשן —
אַ יַם־הונט. ווען גייט ער אָן?

בלויז איינעם גייט ער אָן ביז קינאה,
און ער באַגריסט אים פֿון קאַבינע.

צוויי מאָלער

צוויי מאָלער איינער קעגן צווייטן
און דער ים צעווישן
ברענט.
פאַרבן שרויפּן זיך און מישן,
פּענדזלען טאַנצן אין די הענט.
און איינער מאָלט דעם אַנדערן:
דער מאָלער אויפן ברעג
מאָלט דעם זונפאַרגאַנג, און יענער
מאָלט דעם מאָלער אויפן ברעג.

ביידע מאָלער זענען שוין געפאַלן
אין דער שלאַכט.
בלויז די בילדער לעבן, לעבן, שטראַלן
אין דער נאַכט.

ניט לאַנג אַזוי! ווי ברענענדיקע לייבן,
ווילד און ווילדער,
שלאָגן זיך די בילדער.
ווען איינס וועט פאַלן וועט דאָס צווייטע קאָנען זיך דערהייבן.

אַ גליוואָרעם אין גראָזן

אַ גליוואָרעם אין גראָזן,
און ווײַט — אַ שיף אין שטורעם.
צי וועט די שיף זיך לאָזן
צום שײַנענדיקן טורעם?

דער ים-וואָלף זינקט אין גסיסה,
און וואָיעט צו זײַן וועלפין.
מיט ציינער-זעגן זיסע
באַגעגנט אים אַ דעלפין.

אַ וואַקל און אַ שאָקל.
די פינגער צוקן, צאַפּלען.
און ציִען דעם בינאָקל
צו זײַנע טויטע אַפּלען.

אַ כּישוף-גלאַנץ אַ ראָזן
דערזעט ער דורך יסורים:
— צום גליוואָרעם אין גראָזן,
צום שײַנענדיקן טורעם!

אונטער דער ערד

צוויטשערן פייגל דען אונטער דער ערד
מיט געטלעכע טרערן
פאַרשטיקטע אין העלדזועלעך דינע,
אָדער דאָס פלאַטערן אונטער דער ערד
איינמאָליקע ווערטער, ווי ניט קיין געזעענע פייגל?

ווהין מײַנע פּים האָבן שׂכל צו שפּאַנען,
איבער שניי, איבער היי, איבער שיכּורן פֿײַער,
פילן זיי ווערטער,
נשמות פון ווערטער,
אַ שאָד וואָס די פּים מײַנע קאָנען ניט האַלטן קיין בלײַער...

ווי אַ שלאַנגען-באַשווערער
פאַרהאַלט איך די פּים אינעם גאַנג:
דאָ און דאָ און דאָ.
דאָ זענען זיי דאָ.
איינמאָליקע שטילקייט.
איינמאָליקע ערטער.
און איך גראָב מיט די הענט — מיינע ביינִיקע רידלען,
ביז וואַנען עס פּלאַצן
די שוואַרצע פּאַלאַצן
ווו ס'פלאַטערן ווערטער
באַהאַלטן אין פידלען.

אוּן פּלוּצעם דערפילט מען: עס לעבט די נשמה צו גיך

משה קולבאַק

זי לעבט צו גיך. צו שטום. און קליגער
פון אַלע ווערטער, ניַי און אַלט.
איז מאַיעסטעטיש ווי אַ טיגער,
באַשאַפּענער אין גאָטס געשטאַלט.

זי הונגערט. ס׳איז דיַין ליַיב צו ווייניק.
זי שלינגט דיַין ציַיט, ווען ס׳האָט אַ טעם...
און איז באַזונדער און איז אייניק,
אין פינצטערניש, מיט וויַיסן פלאַם.

זי לעבט צו גיך. איז יִינגער, עלטער,
מיליאָנען יאָרן פון דיַין ליַיב.
זי גייט אַוועק ווו עס געפעלט איר,
און דיר, דעם נאַר, באַפעלט זי: בליַיב!

אַ זעונג

איך זע אַ קוזניע אָן אַ טיר, אַ לאָמע,
צעווישן תּהום און תּהום אין שניי פֿאַרהוילן.
און ס'ציט אַרויס פֿון הייסע, רויטע קוילן
אַ בלינדער שמיד זײַן בליציקע נשמה.

און ס'פֿאַלט זײַן האַמער ווי אַ בער פֿון אײַזן...
און זײַן נשמה זינגט און האָט הנאה:
— בלינדער שמיד, וואָס זאָל איך דיר באַווײַזן?
דײַנע אויגן זענען ווידער בלאָע.

אַ קלאַפּ אין טיר. און ניט קיין פּיקהאָלץ מיט אַ בלאָען שנאָבל.
ס׳באַווייַזט זיך עמעץ מיט אַ שטעקן. ס׳פּנים בליציק־ראָז.
„אַ טרונק, עס גליט אין מיר אַ קוזניע...״ — און פאַרנייגט זיך נאָבל.
די מאַמע קאַלטע דימענטן דערלאַנגט אים אין אַ גלאָז.

אַ זשליאָקע מיט איין צי דאָס וואַסער און פאַרבייַסט אַ שמייכל:
„אוי ווייניק, ווייניק, און אַ ברונעם וועט מיר זייַן גענוג?
עס טוט מיר ווי מייַן שטעקן און עס טוט מיר ווי מייַן שׂכל״.
ס׳דערלאַנגט די מאַמע נאָך אַ גלאָז, און איך פון אַלקער לוג.

אַרייַנגעגאָסן און באַלעקט זיך: „אַי געשמאַק, ווי ביטער!״
און ברעכט די גלאָז און עסט זי אויף מיט קריצנדיקע ציין.
באַווייַזט אַ לאַנגע, רויטע צונג מיט גלאָזיקן געשפּליטער.
אין אַלקער בלייַבט אַ זונפאַרגאַנג ווען יענער לאָזט זיך גיין.

„אַ קונצנמאַכער!״ זאָגט די מאַמע. נאָר פון אַלטן עמער
נעמט פליעסקען זיך אויף ס׳נייַ זייַן פּנים, וואָס איז בליציק־ראָז.
און ס׳קלאַפּט אין מיר זייַן שטעקן, און עס ווייַנט אין מיר זייַן זמר,
און יעדן מאָל אין זונפאַרגאַנג איך זע אַ צונג מיט גלאָז...

צום שטערן־זעער

שטערן־זעער, פרײַנד מײַן גרויסער,
נאַ אַ חלום, זײַ אים פּותר:

האָב געזען אַן ערד אין שקיעה
און זי גייט מיט רויטע פּים,
ווי אַ קריִע נאָך אַ קריִע
פרילינגצײַט. קיין מענטש, געוויס,
האָט נאָך ניט געזען דעם װוּנדער,
אַז די ערד האָט רויטע פּים.
ווי איך טראַכט אַזוי, באַװוּנדער,
און איך צייל אין זיך די צאָלן
— וויפל פּים פאַרמאָגט די ערד
יאָגט אַ רײַטער צווישן טאָלן
און פאַרהאַלט בײַ מיר זײַן פערד.

ס'איז דער פערד אין גאַנצן באָרדאָ,
בלויז אַ פלעק ווי אַ קינזשאַל
פונעם שאַרבן ביז דער מאָרדע,
זײַנע אויגן — גאָלד און גאַל.
נאָר פון רײַטער שלאָגט מיט שכינה,
ווי אַ בעקן פון קרישטאָל,
ווו עס קומט די זון אַמאָל
טרינקען ווײַן מיט ליפּן דינע.

איצטער, אין מײַן ווילדן שטוינען,
ווײַזט דער רײַטער מיר צוויי קרוינען
און ער זאָגט: פֿאַר דיר איז א יי נ ע,
פֿינקטלעך פֿאַר דײַן מאַם און פֿאָרעם,
און די צווייטע איז אַ קליינע,
סײַדן אָנצוטאָן אַ וואָרעם.
נאָר דײַן קרוין מיט זיבן שטערן
וועט דיר דעמאָלט בלויז געהערן,
ווען דו וועסט געפֿינען, ברודער,
פֿאַר דער קליינער קרוין אַ קאָפּ.

און דער רײַטער — אין גאַלאָפּ.
און אין דרויסן — אַ געררודער.

איך האָב זיך דערזען אין אַ שטיינהאַקערײַ,
אין מיר — דינאַמיט.
סכּנה. זאָל קיינער ניט זײַן. פּלאַקערײַ.
געברום פון גראַניט.

מיט זוניקע מוסקלען, צעשפּליטערט און גאַנץ,
די גלידער אין טאָל.
און פריש ווי דער טויט מײַן גראַניטענער טאַנץ,
און לידער אָן צאָל.

עס קומען שוין וועגענער, לאָדן מיך אָן
צו בויען אַ וועג.
עס וועלן זיך ציִען געוויים אַ מיליאָן, —
צו גרוים מײַן פאַרמעג...

— בלויהאָריקע וויוגע, אַנטפּלעק מיר, באַווײַז,
די קליינע, פאַרפרוירענע שיף צווישן אײַז.
איך האָב זי דערזען און געבענטשט אין סיביר,
אַט נעכטן — ווען איך בין געווען אַ יאָר פיר,
באַגלייט פון אַ הונט איבער שנייענס געשליף.
בלויהאָריקע וויוגע, אַנטפּלעק מיר די שיף!

— אַ פרישער גן־עדן מיט ביימער פון גליק,
און דו אין אַ וואָלענעם, רויטן באַשליק.
אַ הונט קושט דײַן שאָטן: צוק־צוק... עלעהיי
דאָס קושט ער די הינטעלעך זײַנע אין שניי.
און ס׳גליטשן זיך ווינטן, ווי מילך אַזוי פריש,
אויף זונמעסערם איבערן לאַנגן אירטיש.

נאָר הינטער די ווינטן — אַ שיף צווישן אײַז,
פאַרפרוירן, באַשאָטן מיט שנייען ווי רײַז.
די הילצערנע הענט — אירע וועסלעס — געשמידט,
און ס׳העלפט ניט די מעכטיקע זון אין דער מיט;
זי ציט פאַר די וועסלעס, נאָר ס׳פעלט בלויז אַן אונץ
די חיה — די זון — זאָל באַווײַזן דעם קונץ.

דו קומסט צו דער שיף אין דײַן רויטן באַשליק —
פאַרגאַנגען די זון און פאַרפרוירן דאָס גליק.
לאָזסט איבער אַ טרער אויף איר דנאָ און ביז שפּעט
צום האַר פון דער וויוגע — דײַן האַרץ, דײַן געבעט.
און ס׳בעט אויך דער הונט מיט געביל און געפיל:
די שיף מיט דײַן טרער זאָל אַוועק ווו זי וויל.

דער האַר האָט זײַן אויער גענויגט צו דײַן מויל,
אַ בליציקער פינגער האָט אָנגעזאָגט: ווויל!
און ווי אַן אָרקעסטער אין מיטן קאָנצערט
וואָלט פאַלן אין תהום — האָט אַ ברום זיך דערהערט.
און וואַסערן הייבן זיך איבערן וואַלד,
פאַרשווענקען די ביימער און ציִען זיי באַלד.

און אויפן אירטיש, מיטן פינגער באַגלײַך,
אַ גאָלדענע טראָגט זיך די שיף מיטן טײַך.
דײַן טרער האַלט די וועסלע, ווי דו האַלטסט די פען —
פאַרזשמורע די אויגן און וועסט זי דערזען.
אַזוי, דיר פאָרויס, איבער טײַך, איבער ים,
צו אָנזאָגן וווּנדער די וועלט און דײַן שטאַם.

איר פאָן איז אַ פידל. איר אַנקער — אַ סמיק.
זי האָט אין ווילזע געבראַכט דײַן מוזיק.
זי האָט מיטן ניעמאַן פאַרלענגערט דײַן רום,
זי שווימט מיטן ירדן אַרום און אַרום.
און ווען איבער דיר וועט שוין בליִען אַ רויז —
נאָך לאַנג וועט זי שווימען וועלט־אײַן און וועלט־אויס.

1956

אינהאַלט

אין מידבר סיני

אין מידבר סיני . . . . 7—16

געדאַנקען פון אַ הירש

געדאַנקען פון אַ הירש 19
פאַטאַ־מאָרגאַנאַ 20
„דער קוואַל פון נבואה" 22
אַן אָדלער אויסגעשמידט פון זאַלץ 23
אָדע צום היישעריק 24
ירושלים 25
עלזע לאַסקער־שילער 26
יעקבס לייטער 28
פאַרגאַנגענהייט אין צפת 29

דער קרייַז פון די נאָענטע

מיין טאַטע 35
די צעפּ פון מיין שוועסטער 36

טאַטע און קינד:

א. אַנטקעגן פענצטער 37
ב. שאַ 38
ג. שפּילצייג 39
דער שניימענטש 40
ביינטע סימפּאָניע 41
געוויין פון שטיינער 42
ווילנע 43
צום טויט פון מיין רעטערין 44
מיניאַטור 45
גר״אַ 46
שעהען 47
צייט 48
ביים לייענען שעקספּיר 50
רעמבראַנדט 51
דער קראַנקער דיכטער 52
דער גוסס 53

יונגשאַפט . . . 54
די זעג . . . 55
דיאלאָג אין גראָ . . . 56
ליבשאַפט . . . 57
דיין האַנט אויף מיין אַקסל . . . 58
דאָס אייביקע . . . 59
זילבערנער פעניקס . . . 60
רויכן פון יידישע קינדער . . . 61—65
פּרץ מאַרקיש . . . 66
צו א. וואָגלער . . . 68
באַלאַדע פון יונג־ווילנע . . . 69

פון זיך צו זיך

תּפילה צו זיך אַליין . . . 73
שיינקייט . . . 74
פּאָעזיע . . . 75
איינגעמען שטחים פון צייט . . . 76
דריי ביימער . . . 77
אין גאָרטן . . . 78
ביכער . . . 80
אין פּאַרק . . . 81
דער האָגל . . . 82
פון זיך צו זיך . . . 84
ליד וועגן אַ מוראַשקע . . . 85
ייד־ליד . . . 86
דער ים־הונט . . . 87
צוויי מאָלער . . . 88
אַ גליוואָרעם אין גראָז . . . 89
אונטער דער ערד . . . 90
נשמה . . . 91
אַ זעונג . . . 92
דער קונצן־מאַכער . . . 93
צום שטערן־זעער . . . 94
אין אַ שטיינהאַקעריי . . . 96
די פאַרפרוירענע שיף . . . 97